צייט-נאָטיצען.

I.

פריווילעגיעס.

כאָטש מיר לעבען יעצט אין אַ צייט פון „דעמאָקראַטיזם", יחוס האָט ביי אונז קיין בעדייטונג נישט. דאָך בעמערקען מיר ביי יחידים געוויסע פריווילעגיעס... אַזוי למשל ווען מיר בעגעגענען, אַ געוועהנליכען בשר ודם רויכערן אום שבת אַ פּאַפּיראָס, אָדער זאָגאַר מיט אַ שטעקען אין האַנד, רופט דאָס אַרויס ביי אונז אויפרעגונג און פערדרוס, אָבער ווען מיר בעמערקען דאָס זעלבע ביי אַ דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט, פּרובט מען שוין מיט אַלערליי מיטלען די האַלטונג צו כשר'ן...

צו געהן אהן אַ היטעל אין געשעפט, האַלטען מיר פאַר; אַ גרויסען "פערברעכען אָבער אַ איינהאבער פון אַ סקלאַד אַפּטעטשני איז עס יאָ ערלויבט...

אַדורכשניטליכער סוחר, וועלכער האָט אויף זיך צו צאָהלען שטייערן און שטייערן, געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע, מוז זיך דאָך רעכענען מיט'ן „אַמט צו בעקעמפפען ליכווע און שפּעקולאַציע," און פאַר יעדע מינדסטע קלייניגקייט ווערט ער בעשטראָפט, און ווער שמועסט נאָך פאַר נעהמען אַ העכער'ן פרייז, זעהט דאָס געזעץ פאָר אַ האַרבע שטראָף, אָבער פאַר אינטעליגענטע פּראָפעסיעס: ווי דאָקטורים, אַדוואָקאַטען, אָדער אַפּטייקערס, לאָ'מיר זאָגען, איז מען נישט אַזוי שטאַרק מדקדק. נאָר נישט דאָס בין איך יעצט אויסען, נישט וועגען דעם וויל איך יעצט רעדען, היינט געהט אַ סדרה: „וועקסלען"... מעהרסטענטייל סוחרים ליידען היינט רחמנא לצלן אויף אַ שטאַרקען „פעהלער"... און מוזען וואַרטען מיט זייערע צאָהלונגען פּאָקי ביז פרייטאָג בין-השמשות, דאַן ווען דאָס וועקסעל איז שוין לאַנג ביים רעיענט. און ווען נאָך אַלע בעמיהונגען און אנשטרענגונגען ווען ס'גלונגט שוין דעם סוחר צונויפצוזאַמלען די נויטיגע סומע און ער לויפט שוין צום רעיענט מוז ער דאַן בעצאָהלען מיט אַ צושלאָג פון גאַנצע צוויי פּראָצענט! און עס שטעלט זיך טאַקי די פראַגע איז עס אַ יושר? איז עס נישט אַביסעל צופיעל? נעהמט למשל אַ וועקסעל אויף הונדערט מיליאָן מאַרק, נעהמט די רעגירונג דערפון נאָר דריי הונדערט טויזענד מאַרק, און דער רעיענט גאַנצע צוויי מיליאָן!... אַפילו אין אַזאַ שטאָדט ווי שעדלעץ קען אַ רעיענט פערדיענען העכער אַ מיליאַרד מאַרק אַ טאָג! איז עס טאַקי דורכאויס יושר און גערעכטיגקייט?...

אין פרידענס צייטען האָט אַ רעיענט בעקומען פון אַמאָהליגע טויזענד רובל און העכער נאָר 50 קאָפּ. און היינט פון דער זעלבער סומע בעקומט ער 20 רובל! און ווער ליידט דערפון טאַקי נישט קיין אַנדערע ווי די סאַמע געדריקטעסטע סוחרים וועמענס לאַגע ס'איז יעצט ממש טרויעריג...

איז עס נישט קיין פריווילעגיעם פאַר וועלכע מיר בעצאָהלען אַזוי טייער, און אפשר שוין צו טייער? ס'וואָלט נישט געשאַדט, אסור, אַז דער סוחרים פעראיין זאָל וועגען דעם אַ טראַכט טהוען,

ז.

II.

איבער אונזער

טעכטער ערציהונג.

(דרינגענדע אויפגאַבע)

אין דער צייט ווען וועגען חינוך הבנים גיט נאָך ווער ס'איז אַ קלער, אַ טראַכט אַז מען ברויך דאָס קינד פאַר אַ יוד מאַכען, איז אָבער גאַנץ אַנדערש די לאַגע פון חינוך הבנות, פון אונזער טעכטער ערציהונג. דער דאָזיגער געביט איז נאָך ביי אונז אין שטאָדט ליידער אינגאַנצען מערלאָזט, קיינער קלערט גאָר נישט, און קיינעם אַרט גאָר נישט וועגען דער יודישער ערציהונג פון זיין טאָכטער, וועלכע ברויך אייגענטליך פערנעהמען דעם זעלבען אָרט און די זעלביגע אויפמערקזאַמקייט פון פאָטער ווי די ערציהונג פון זוהן, און אפשר ביי די היינטיגע צייט נאָך אַ גרעסערע, בעוויל די סביבה פון דער יודישער טאָכטער איז נאָך מעהר מסוכנדיג פאַר איהר יודישקייט, ווי די סביבה פון יונגעל. דאס יונגעל שעפּט נאָך אַ געוויסע השפעה פון בית מדרש און פון אַנדערע יודישע קרייזען, אָבער נישט די טאָכטער. אויף איהר ווירקט די גאַסען-השפעה,—די השפעה פון וועלטליכקייט און מאָדערניזם, און דעריבער איז איהר לאַגע מעהר טרויעריגער.

און ווען עס זענען נאָך פערהאַן ביי אונז עלטערן וועלכע האַלטען זיך נאָך אָב אַריינצוגעבען זייערע זיהן אין די פּאָוושעכנע שולען, און גים באַזיפּס צוליעב דעם אנטי רעליגיעזען גייסט וואָס עס הערשט דאָרט, ווערען אָבער די אַלע חשבונות פערשוואונדען, ווען ס'קומט צו די טאָכטער. זי ווערט פון די זעלביגע עלטערן אבגעגעבען אין די פרייע ערציהונגס-אינסטיטוציעס, בעוויל אויף דעם מיידעל איז דאָך נישט חל דער „ולמדתם" און ס'איז קיין נפקא מינה נישט אין וועלכע שול זי געהט. און אַזוי זענען מיר געקומען צו דעם טרויעריגען צושטאַנד אַז פיעל, זעהר פיעל פון אונזערע מיידלעך זענען פון אונז ווייט, ווייט אַוועק.

מיר טאָרען אָבער נישט פערגעסען, אַז אָט די קינדער, די טעכטער אונזערע, זיי זענען עס די צוקונפטיגע יודישע מוטער'ס, וואָס דאַרפען לאָזען די ערשטע יודישע וואָרצלען אין דער יונגער יודישע נשמה, וואָס זענען דער יסוד פון דעם קינדס ווייטערדיגע ענטוויקלונג. און דערצו איז נויטיג אַ יודישע טעכטער ערציהונג, בעוויל די יודישע טאָכטער וועמען ס'איז אַליין פרעמד יעדער יודישער דין אָדער מנהג. און ביי איהר זעלבסט איז אָבגעטוידט יעדער געפיהל פון יודישקייט, קען דאָך אַלס מוטער אויך נישט בעסער ערציהען איהרע קינדער, און דאַן איז דאָך קלאָר אַז ווען מיר האָבען נישט קיין יודישע מוטער האָבען מיר אויך נישט קיין יודישען פאָטער און אויך נישט קיין יודיש פאָלק ח"ו.

מיר טאָרען מעהר נישט פערנאַכלעסיגען אונזער גרויסע אויפגאַבע וועלכע איז אונז אָנפערטרויט געוואָרען, מיר מוזען זיך נעהמען איבעראַל פאַר גרינדען אַזעלכע שולען וועלכע זאָלען אונזערע טעכטער פאר געטרייע, שטאָלצע און מוטיגע רעליגיעזע קעמפפערינס ערציהען. און! אויב ס'איז נאָך ביים היינטיגען טאָג שווער אַזעלכע שולען ביי אונז אויפצועפנען, זאָל כאָטש לכל הפחות ווי אין אַנדערע שטעדט, בית יעקב שולען געגרינדעט ווערען. ד. ה. ספּעציפיש-רעליגיעזע שולען. ווי דער אינטעררינכט קומט פאָר צוויי שעה אין טאָג נאָכדעם ווי די מיידלעך קומען פון די פּאָוושעכנע שולען.

*

די בית יעקב שולע וועט געבען אונזערע קינדער אַ רעליגיעזע ערציהונג. וועט אין זיי איינפלאַנצען ליעבע און אכטונג צו די עלטערן, צו די יודישע דינים און מנהגים, ווי בכלל וואָס ביים יודישען פאָלק איז הייליג און טייער.

יודישע פרויען, אויף אייך ליעגט אַ בעזונדער חוב מיטצווירקען, אַז אַזאַ בית יעקב שולע זאָל וואָס שנעלער ביי אונז אין שטאָדט געעפענט ווערען.

א. נים.

III.

אפשר איז שוין צייט?

(צו דער אויפמערקזאמקייט

פון די ניי- אויסגעוועהלטע גבאים פון היעגען

בית-המדרש.)

צו איינע פון די, ליידער גאַנץ-אָפטע, טרויעריגע לעבענ'ס ערשיינונגען ביי אונז אין שטאָדט, איבער וועלכע מען געהט, כמעט תמיד, פלעגמאַטיש איבער צו דער ווייטערדיגער לויפענדער טאָג-אָרדנונג, נישט ציהענדיג אויף זיך אונזער מינדסטע אויפמערקזאַמקייט—געהערען אויך, אָהן שום ספק, די פערשיעדענע נישט-זעלטענע חילולי-הקדש, וואָס שפּיעלען זיך לעצטענס, צום בעדויערן, אָב אין היעגען שטאָטישען בית המדרש, אַדאַנק דער זעהר-פערנאַכלעסיגסטע אויפזיכט פון די ביז-איצטיגע בית-המדרש פערוואַלטער (אויב ס'זענען היע בכלל אַזעלכע געוועזען...) וועלכע האָבען ליידער, וואָס אמת אומדירעקט, מיטגעווירקט צום פערוואַנדלען דעם היעגען בית-המדרש אין אַ נידריגען אָרט „הכנסת-אורחים"... פאַר פערשיעדענע אונגעוואונשענע עלעמענטען...

יעדען איינציגען, ריכטיגער, יעדען בעוואוסטזיניגען אָרטאָדאָקסישען יוד איז, בלי ספק, גאַנץ גוט בעקאַנט די אונגעהויער-הויכע בעדייטענדע ראָליע, פון אַלטען היסטאָרישען טראַדיציאָנעלען בית-המדרש, צווישען די ברייטע יודישע פאָלק'ס-מאַסען; ס'איז אויך, יעדען איינעם גאַנץ-גוט בעוואוסט, מיט וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער יראת-הכבוד און עהרען-געפיהל, ס'האָט זיך בעצויגען דאַן יעדער זוהן פון פאָלק, צום אַמאָליגען בית-המדרש, צו אָט דעם וויגעלע פון דער יודישער קולטור, צו אָט דער איינציגער גייסטיגער שפּייזערין פון פאָלק; מיט וואָס פאַר אַ טיעפער אַכטונג און רעספּעקט, מען האָט דאַן אויפגענומען יעדעס וואָרט פון אָט דער העכסטער רעליגיעזער אינסטאַנץ, אין געשטאַלט פון איינפאַך-בעשיידענעם בית המדרש.

און אָט דערום פרעגט זיך טאַקי:

ווי פלאַמט נישט אויף דאָס פנים. ביי אונז פון בושה, דורכפיהרענדיג אַ שטיקעלע פּאַראַלעל צווישען אָט דעם אַמאָליגען און היינטיגען (ליידער: נישט דוקא שעדלעצער.) בית-המדרש?—ווי וועהטאָג נישט דאָס האַרץ צוקוקענדיג זיך, עטוואָס ערנסטער און אויפמערקזאַמער, צום טרויעריגען בעשטאַנד און כאָאָטישען אויסזעה פון אונזער קהל'שען בית המדרש, וואָס מאַכט, צו אונזער גרויס חרפה, דעם איינדריק פין אַ מקום מקלט פאַר אַלערליי שטאָדטישע גאַסען-יונגען א, ד. גל, ווי זיי פערברענגען, גאַנץ געמיטליך, ביי פערשיעדענע אַזאַרט-שפּיעלען, וועלכע זענען כלל נישט ענטשפּרעכענד דער גרויסער און ערהאַבענער קדושה, וואָס רוהט אין אַ מקדש-מעט?

וואו איז עס נאָך געהערט געוואָרען אַז אַשוהל- און בית מדרש הויף. זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ מאַרק? און נאָך אין וועלכען סאָרט מאַרק!...

וואָס קען מען דאָרט אַלץ נישט בעגעגנען?.. מוז מען דען אַלץ, אויסרעכנען?

עס אינטערליעגט אָבער קיין שום צווייפעל נישט אַז ביי אַ אמת'ן אויפריכטיגען און גוטען ווילען איז דאָס אויפהויבען דעם פּרעסטיזש פון היגען בית המדרש, איינס פון די גרינגסטע זאַכען; עס פעהלט נאָר די איניציאַטיוו, דער אונטערנעהמונגס-גייסט אָט די ענערגישע און דיסציפּלינאַרע האַנד, וואָס זאָל, ווי געהעריג, איבער דעם רעגירען.—

אונזערע איצט-ניי-אויסגעוועהלטע בית-המדרש-פערוואַלטער ברויכען דערום געדענקען, אַז די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַלט יעצט אויסשליסליך נאָר אויף זיי; אַז נאָר אין זייער אינטערעס ליגט עס איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו מאַכען צו אָט די אַלע מעגליכסטע חילולי-השם.., און אַז נאָר אויף זיי איז יעצט כותל דער חוב, צו פערבאַריקאַדירען יעדען וועג, וואָס פיהרט צו אַזעלכע עהנליכע מעשים תעתועים, ווי די, וואָס האָבען ליידער, לעצטענס אַזאַ בכבודיג... אָרט, אין און אַרום אונזער קהל'שען בית המדדש.—

און זאָל שוין ענדליך אַסוף נעהמען, צו אָט דער קרענקליכער צונויפשמעלצונג פון אַזעלכע צוויי געגענזעצטע בעגריעפען ווי „בית המדרש" (דער סימבאָל פון „לא תגנוב"...) מיט'ן בעגריעף: „גנב"..., צו אט דעם ווידערשפּרעכענדען, טיעף-בעליידיגענדען שימפף-וואָרט: „בית-המדרש-גנב"!..., וואס איז ליידער, אַזוי פּאָפּולער אויף אונזער היימישער יודישער גאַס...

שוין צייט, בנאמנות, וועגען דעם אַ עטוואָס מעהר ערנסטען טראַכט צו טהון.

י. א. צו-ער.

פון די אָרטיגע פּרעסע.

דאָס שעדלעצער „בערומהייט": שאַלאַטקאָהסקי'ס „פשיאַטשעל" האָט זיך לעצטענס דערמאַנט אינ'ם ליבען זומער...! און אנגעהויבען געבען לשון אויפ'ן נאָר תמוז'דיגען אויפן... אין לעצטען נומער צייכענט זיך אויף דעם געביעט איים אַ געוויסער י. נ. אין זיינם אַנ'אַרטיקעל אונטערן נאָמען „פון שעדלעצער געהטא". וועלכער מישט צונויף דעם יודישען אויפרוף וועגען די ערגענצונגס-וואַהלען צום היגען שטאָדט-ראַט מיט די כוליגאַנישע אָנפאַלען פון זיינע תלמידים אויף די יודישע שפּאַצירענדע אין שטאָדט-גאָרטען, און בעמיהענדיג זיך אויפצווייזען ווי ווייט שעדליך ס'איז די טעטיגקייט פון די שעדלעצער יודען, בענוצט ער זיך מיט'ן מאַטעריאַל, וועל-

אונזער וועג-שעדליץ 1924-06-20 יח-סיון-תרפד גליון-0005 a 000003 הודפס מתוך הארכיון היהודי